


אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.



## אמרות שמשון

### דיינים זאלן זיין גאנץ אן קיין פעלער

**וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם** (כא, א). רש"י ערקלערט (ד"ה ואלה) פארוואס שטייט געשריבן 'פרשת דינים' (משפטים) נעבן 'פרשת מזבח' (ענדע פרשת יתרו), צו לאזן הערן אז מען זאל זעצן די דיינים (סנהדרין) נעבן די מזבח.

**מען** קען זאגן א טעם פארוואס דער אויבערשטער האט באפוילן מען זאל זעצן די סנהדרין נעבן די מזבח, און וואס איז די שייכות צווישן די סנהדרין און מזבח.

**עס** קומט צו מרמז זיין אזוי ווי די מזבח דארף ווערן געמאכט פון 'גאנצע שטיינער' (מען טאר עס נישט שניידן מיט אייזן), אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (סוף פרשת יתרו), **וְאִם מִזְבַּח אֲבָנִים תַּעֲשֶׂה לִּי לֹא תִבְנֶה אֶתְהֶן גָּזִית**, אזוי אויך שטייט אין פסוק (דברים כז, ו), **אֲבָנִים שְׁלֵמוֹת תִּבְנֶה אֶת מִזְבַּח ה' אֱלֹקֶיךָ** וגו'.

**דאס** זעלבע דארף זיין מיט סנהדרין וואס פסק'ענען שאלות פאר כלל ישראל, זיי דארפן זיין גאנץ מיט זייערע מעשים און מדות טובות, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (סנהדרין לו:), 'כשם שבית דין מנוקין בצדק, כך מנוקין מכל מום', אזוי ווי דער פסוק זאגט (שיר השירים ד, ז) **כֻּלָּךְ יָפָה רַעְיָתִי וּמוּם אֵין בָּךְ**, זיי דארפן זיין גאנץ אן קיין פעלער. (אות א' ד"ה אבל)

### מצוה פאר דיינים זיי זאלן צוערשט פארשלאגן א פְּשָׁרָה

**וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם** (כא, א). לכאורה וואלט ענדערש געדארפט שטיין אין פסוק 'אשר תשפוט לפניהם', אדער 'אשר תלמדם לפניהם', פארוואס שטייט **אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם**?

**מען** קען ערקלערן לויט ווי עס ווערט גע'פסק'ענט אין שלחן ערוך (חו"מ סימן י"ב ס"ב), 'מצוה לומר לבעלי דינים בתחלה, הדין אתם רוצים או הפשרה? אם רוצים בפשרה עושים ביניהם פְּשָׁרָה וכו''. ווען עס קומט צו א דין תורה איז א מצוה אז די דיינים זאלן צוערשט פארשלאגן א פְּשָׁרָה (מען זאל זיך פארגלייכן און מאכן שלום צווישן זיך).

**דערמיט** קען מען מסביר זיין פשט אין פסוק **אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם**, צו מרמז זיין אז צוערשט ווען מען קומט צו די דיינים, זאלן זיי פארלייגן די דין (מלשון תָּשִׂים) אבער נאכנישט אנפאנגן צו משפט'ן די דין תורה, נאר פארשלאגן פאר די בעלי דינים א פשרה און מאכן שלום צווישן זיך, איידער מען פאנגט אן די דין תורה. (אזוי אויך ברענגט דער בעל הטורים א שיינעם רמז, **המשפטי"ם** איז ראשי תיבות, **ה**'דיין **מ**'צוה **ש**'יעשה **פ**'שרה **ט**'רם **י**'עשה **מ**'שפט). (אות ב' ד"ה ומשום)

### תורה פארמערט אמת און שלום אויפן וועלט

**וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם** (כא, א). עס שטייט אין מדרש (שמות רבה ל, כג) משה רבינו האט איבערגעגעבן פאר כלל ישראל הלכות דינים און זיי געזאגט: "אויב וועלן ענק נישט מקיים זיין די הלכות דינים וואס דער אויבערשטער האט ענק געגעבן, וועט ער אוועקנעמען פון ענק די תורה, ווייל די תורה איז נאר געגעבן געווארן בתנאי מען וועט מקיים זיין די דינים", אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים צט, ד) **וְעֹז מֶלֶךְ מִשְׁפָּט אָהֵב**.

**לכאורה** דארף מען פארשטיין, פארוואס עפעס ווען עס קומט צו די הלכות פון פסק'ענען דיני' תורות זאגט משה רבינו אז אויב וועט מען עס נישט מקיים זיין וועט דער אויבערשטער צוריקנעמען די תורה, פארוואס איז דאס הארבער פון אלע אנדערע עבירות?

**מען** קען ענטפערן, דורכדעם וואס מען פסק'נט פאלש א דין תורה ווערט פארמערט שקר און מחלוקת אויפן וועלט, און די תורה איז פונקט דאס פארקערטע, די תורה איז אמת און עס ברענגט שלום אויפן וועלט. דעריבער טוט זיך תורה דערווייטערן פון שקר און מחלוקת און עס ווערט ח"ו אפגעטון פון כלל ישראל. (אות ב' ד"ה ובזה וכו')

### הארבקייט פון פסק'ענען פאלש א דין תורה

**וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם** (כא, א). עס שטייט אין מדרש (שמות רבה ל, כג) משה רבינו האט איבערגעגעבן פאר כלל ישראל הלכות דינים און זיי געזאגט: "אויב וועלן ענק נישט מקיים זיין די הלכות דינים וואס דער אויבערשטער האט ענק געגעבן, וועט ער אוועקנעמען פון ענק די תורה, ווייל די תורה איז נאר געגעבן געווארן בתנאי מען וועט מקיים זיין די דינים", אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים צט, ד) **וְעֹז מֶלֶךְ מִשְׁפָּט אָהֵב**.

**לכאורה** דארף מען פארשטיין, פארוואס עפעס ווען עס קומט צו די הלכות פון פסק'ענען דיני' תורות זאגט משה רבינו אז אויב




חדש! חדש!
ספר
זרע שמשון
יום יום
להשיג בכל חנויות הספרים



תורמים
ורואים ישועות
אל תחמיצו!

שמות התורמים יתברכו
אצל גדולי הדור שליט"א
בשעת לימודם
בספר זרע שמשון.

הספר שמחולל פלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.

02-80-80-500
05271-66450
347-496-5657
/https://www.zerashimshon.co.il/donation



הוצאת הגליון
והפצתו לזכות

לעילוי נשמת
הרה"ח רבי מנחם דוב
ב"ר אליעזר יצחק ז"ל
נלב"ע כ"ג שבט ת.נ.צ.ב.ה.

הצלחה וברכה
צבי יצחק דוב
בן גיטל חיה
זוגתו מרים סאבל
בת אסתר
בנם החתן שמעון יחזקאל
עב"ג הכלה אסתר רבקה
בת יוכבד מרים
שיעלה הזיווג יפה בשעה טובה
ומוצלחת ויזכו לראות דורות
ישרים מבורכים ובנין עד עד
לתפארת המשפחות ולתפארת
כל ישראל
שיזכו לכל הברכות של המחבר
זי"ע בקרוב ובניקל

שפע וזש"ק
יצחק בן רחל
וזוגתו רינה בת לינדה
להיפקד בזש"ק ולרוב ברכה ושפע
בלי גבול ומדה

הצלחה מרובה
שאול בן רחל
לשפע ברכה עושר והצלחה גדולה
בעסקיו בלי דאגות ולחצים

הצלחה וברכה
יוסף בן לאה רחל
וכל השותפים עמו
להצלחה גדולה בלי גבול ומדה בעסק
שהקימו ולהתבשר רק בשורות טובות

לזכות ולברכה
להצלחת השותפים
התורמים
ומשפחותיהם
החפצים בעילום שמם
שיזכו לשפע ברכה והצלחה בני בריכי
חיי אריכי ומזוני רויחי נחת מכל יוצ"ח
זכות המחבר יגן בעדם אכי"ר

הצלחה ועושר
דניאל אורי
בן רג'ינה מלכה
לשפע ברכה והצלחה עושר וכבוד
ובשורות טובות בקרוב ממש

עושר ואושר
אשר אנשיל דוד
בן נילי
שיחזור בקרוב למצבו הראשון
ויזכה להצלחה מרובה עשירות ושפע
בלי גבול מתוך מנוחת הגוף והנפש
ויבשר בקרוב בשורות טובות

עושר ואושר
ברוך צבי ניסים
בן שושנה לאה
שיצליח בכל עסקיו ויהיה ברכה
ושפע רב בקרוב ממש מתוך מנוחת
הגוף והנפש וימצא חן בעיני כולם

זש"ק בקרוב
אברהם מאיר
בן מרים וזוגתו שרה
זיסל בת מרים חוה
להיפקד בזרע של קיימא בקרוב
ובניקל מתוך שמחה ונחת ובריאות

וועט מען עס נישט מקיים זיין וועט דער אויבערשטער צוריקנעמען די תורה, פארוואס איז דאס הארבער פון אלע אנדערע עבירות?

**מען** קען ענטפערן, אלע אנדערע עבירות וואס א מענטש איז עובר ווייסט ער כאטשיג אז ער טוט פארקערט פונעם רצון ה', אבער ווען א דיין פסק'נט פאלש א דין תורה, מיינט מען אז דאס איז דער פסק וואס עס שטייט אין די תורה, דעריבער איז דאס אסאך הארבער פון אלע אנדערע עבירות. (אות ב' ד"ה ובזה וכו')

## טון רצון ה' אן קיין חשבון צו באקומען שכר

**וַיֹּאמְרוּ כֹּל אֲשֶׁר דִּבֶּר ה' נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמָע** (כד, ז). מען קען ערקלערן פארוואס האט כלל ישראל געזאגט 'נעשה' קודם 'נשמע'. ווי אזוי קען מען טון עפעס, איידער מען ווייסט וואס דאס איז?

**עס** שטייט אין חז"ל (ב"ק לח. עבו"ז ג. במדבר רבה יג, טז) א גוי וואס לערנט תורה באקומט שכר, אבער נישט אזוי ווי א 'מצווה ועושה' (עמיצער וואס איז מחויב דאס צו טון), נאר אזוי ווי א 'אינו מצווה ועושה' (עמיצער וואס איז נישט מחויב דאס צו טון און טוט עס נאכאלץ), וואס דאס איז א קלענערע שכר, (עיין תוס' עבו"ז שם, דגדול המצווה ועושה, מפני שהוא דואג תמיד לבטל יצרו ולקיים מצות בוראו).

**און** עס שטייט אין משנה (אבות פ"א משנה ג') 'אל תהיו כעבדים המשמשים את הרב על מנת לקבל פרס', מען זאל נישט דינען דעם אויבערשטן כדי צו באקומען שכר, נאר מען זאל בלויז אינזין האבן צו טון די רצון ה', וואס דאס איז העכערע און חשוב'ע עבודה.

**דערמיט** קען מען ערקלערן, אינ'אמת'ן וואלטן זיי צוערשט געדארפט הערן וואס דער אויבערשטער וועט זיין באפעלן, אבער זיי האבן קודם געזאגט 'נעשה', צו ווייזן אז זיי זענען גרייט צו טון אפילו איידער דער אויבערשטער וועט זיי באפעלן, און זיי ווילן זיין א 'אינו מצווה ועושה', וואס דאס איז ווייניגער שכר. ווייל זיי ווילן טון די רצון ה' אן קיין חשבון אז זיי וועלן באקומען שכר פאר דעם. (אות י' ד"ה וי"ל ועיי"ש)

# גבורת שמשון
## סיפורי ישועה

**עס פארציילט מר. ח. ל. פון די צפון שטעט אין ארץ ישראל**

אין א מעסעדזש צו די מערכת:

## דער הייליגער זרע שמשון איז מסדר די לעצאלע פערמיטן

**מיין** נאמען איז ח. ל. און איך בין א לויער (עורך דין). אויסער דעם וואס איך בין א לויער פאר פארשידענע לעגאלע זאכן, בין איך באזונדער באשעפטיגט מיט די לעגאלע אפטיילונג פון פראפערטי"ס און ריע"ל עסטעי"ט, איבערהויפט ווען עס קומט צו די וויכטיגסטע טייל וואס דאס איז באקומען די לעגאלע פערמיטן צו קענען בויען, בין איך עקספערט פארנומען דערמיט, און ב"ה אסאך קאסטומער'ס קומען צו מיר צו אויסגלייכן און ערלעדיגן זייערע פערמיטן יעדער איינער לויט זיין פארלאנג.

**לעצטנס** איז מיר אונטערגעקומען א געוויסע גרויסע לא"ט (שטח) וועלכע שטייט שוין ליידיג עטליכע יאר, צוליב דעם וואס די לעגאלע חלקים זענען זייער קאמפלעצירט און שווער. נאכן מברר זיין אביסל איבער דעם און רעדן מיט אנדערע וואס טון אין דעם פעלד, האב איך זיך דערוואוסט אז אסאך גרעסערע און בעסערע פון מיר האבן שוין פראבירט צו לייגן א האנט אויפן שטח, און יעדער איינער - פריער אדער שפעטער - האבן זיך אפגעשאקלט דערפון, צוליב די אויסנאם שוועריקייטן וואס איז דארט געווען אין יענעם שטח.

**איך** האב געטראכט צו מיר, פון איין זייט וואס לוינט מיר אריינצוטאנצן אין א פראיעקט וואס אנדערע האבן שוין פראבירט און דורכגעפאלן, פארוואס זאל מיר דאס יא געלונגען? פון די אנדערע זייט האב איך געוואוסט פון די סגולה און הבטחה פונעם הייליגן זרע שמשון, וואס דאכט זיך די אנדערע - וואס האבן פראבירט און דורכגעפאלן - האבן דאס נישט געוואוסט.

**פון** גארנישט טון, פארדינט מען זיכער גארנישט, האב איך צוערשט אנגעהויבן דורכצוגיין די הויפענעס פייל'ס און דאקומענטן, און זיך אריינגעלייגט אויף די לענג און אויף די ברייט, צו פארשטיין פונקטליך די פראבלעמען און קאמפליקאציע'ס, און אפשר וועט מען קענען טרעפן א לעזונג און א וועג ארויס.

**וועלנדיג** טון עפעס עקסטער לטובת ולעילוי נשמת רבינו הק' בעל הזרע שמשון זי"ע, האב איך איינגעקויפט עטליכע סעט'ס פונעם ספר 'זרע שמשון', און דאס פארטיילט פאר משפחה און גוטע פריינט, און פאר סיי ווער ס'האט זיך אונטער גענומען בלי נדר אז זיי וועלן לערנען אינעם ספר.

**נאך** יענע וואך האט זיך שוין ב"ה אנגעהויבן א קליינע שינוי, און זאכן האבן זיך עטוואס אנגעהויבן צו רוקן, וואס דאס האט מיר געגעבן די חיזוק ווייטער אנצוגיין וואוסנדיג אז איך טו די ריכטיגע זאך, און דערביי טו איך פארשאפן א נחת רוח פאר נשמתו הקדושה פון רבינו זי"ע.

**טראץ** וואס די איינשטעלעניש פון פארלירן זענען געווען גאנץ גרויס, אבער צוגלייך זענען די רווחים וואס מען האט דא געקענט מאכן געווען אסאך העכער ווי געווענליך, האב איך באשלאסן אז מיטן גרויסן זכות פונעם צדיק וועט מען נעמען די קוראזש און אריינשפרינגען אינעם פראיעקט און די זכות וועט מיר בעזרת ה' ביישטיין.

**דורכאויס** די צייט וואס ס'איז אריבער, האט איך און ווייטער פארשפרייט די ספרים פון רבינו זי"ע, אין בתי מדרשים און אין כוללים, און פאר סיי ווער ס'האט געוואלט נהנה זיין פונעם אור תורתו פון רבינו, און ב"ה מען האט געמאכט גרויסע פארשריט.

**יעצט** שטייט מען דריי יאר שפעטער, און ב"ה אויפן שטח זענען שוין געבויעט געווארן עטליכע גרויסע בנינים פון צענדליגע דירות, און אלע דירות ווערן פארדינגען און עס ברענגט אריין גאר שיינע רווחים יעדן איינציגסטע חודש ב"ה.

**און** איך האב געשפירט א גאנצע צייט ווי די הבטחה פון רבינו אין די הקדמה צו זיינע ספרים '**בתים מלאים כל טוב**' איז פולשטענדיג ערפילט געווארן אויף יעדן טריט און שריט ביזן היינטיגן טאג.

**מר. ח. ל. לייגט צו:** ווי פארשטייט זיך איז דאס נישט קיין רעקאמענדאציע פאר סיי ווער צו נעמען א ריזיקע אן קיין אחריות וואס מען וועט מעגליך נישט קענען דערהייבן, אבער איך פארצייל אייך בלויז די מעשה צוליב דעם וואס איך האב געשפירט דורכאויס די גאנצע צייט א אינערליכע געפיל ווי דער זכות פון רבינו בעל הזרע שמשון טוט מיר באגלייטן אויף טריט און שריט, און איך ברענג דאס ארויס ברבים צו פארציילן די כח פון צדיקים און זייערע ברכות. זכותו הק' יגן עלינו.

ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.

צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילבערבערג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות,
צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין
צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו

זרע שמשון ע"ר 580624120